תלמוד תורה ישב לב דרבינו יואל סאטמאר

קרית יואל - בני ברק



נתייסד ע״י כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר עט״ר שליט״א

# חידו״ת
# לראש השנה

**כיתה ח׳**

**הר״ר יואל גרינוואלד הי״ו**

**איתא בשו"ע** (סי' תקפ"א) **נוהגין לאכול בליל ר"ה רוביא ואומרים יה"ר שירבו זכיותינו**, וצ"ב כוונת תפילה זו שהרי זהו מילתא דתליא בבחירה, אם מרבה במצות הוא מרבה זכיות וההיפך בהיפך ומה שייך להתפלל ע"ז. ואפ"ל עפ"י"ד הרמב"ם (פ"ג ה' תשובה) דמה שאמרו שהאדם נידון בזכיות ועונות אחרי רובו אין שיקול זה לפי מנין הזכיות והעונות אלא לפי גדלם, יש זכות שהוא כנגד כמה עונות שנאמר יען נמצא בו דבר טוב, ויש עון שהוא כנגד כמה זכיות שנאמר וחטא אחד יאבד טובה הרבה ואין שוקלין אלא בדעתו של א-ל דעות, והוא היודע איך עורכין הזכיות כנגד העונות עכ"ל. נמצא לפי"ז שחשבון הזכיות נחשב לפי הערך שנחשבין בעיניו ית"ש, ולזה אנו מתפללין שיעריך הקב"ה את מעשינו הטובים להרבה, ואף כי מועטים המה, מכל מקום לפי ערך גודל שפלות הדור גם מיעוט זכיותינו להרבה יחשבו יען כל דבר עולה בקושי ובמסירות נפש, ולזה אומרין, יה"ר שירבו זכיותינו, היינו שהקב"ה יחשיב את מיעוט זכיותינו כזכיות רבות ועצומות, דלפי משקל אל דעות ה' הרי ישנם זכיות שעולין נגד כמה וכמה עוונות.

**(דברי יואל)**

**במס' ראש השנה** (דף טז:) **למה תוקעין ומריעין וכו' ותוקעין ומריעין וכו', וכתבו בתוס'** (ד"ה כדי) **בשם הירושלמי, כד שמע קל שיפורא זימנא חדא, בהיל ולא בהיל, וכד שמע תניין, אמר ודאי זהו שיפורא דיתקע בשופר גדול ומתערבב.** ויש להבין מדוע מתערבב השטן בתקיעות השניות יותר מבתקיעות הראשונות. ואפשר לבאר על פי מעשה שהיה עם הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע שפעם אחת שהה בעיר אחת, וכאשר נסע לדרכו ליווהו כל אנשי העיר, ויהי בהגיע העגלה חוץ לעיר ירד הרה"ק מן העגלה והלך ברגליו יחד עם כל הקהל, וכשראו האנשים התפלאו מאד דהלא כל מטרת הילוכם היה ללוות אותו ובאופן זה אין הלויה ניכרת, ואף היא לעומתם הטעים ואמר, כי יען שראה שהם מקיימים המצוה בהתלהבות גדולה, לכן ירד מן העגלה כדי לכלול עצמו עמהם במצוה זו. וזהו ביאור דברי הירושלמי (ראש השנה פ"א ה"ג) שהקב"ה שומר משמרתה של תורה. והיא תמוה דהלא כל תכלית עשיית המצוות היא כדי לעשות נחת רוח למי שאמר ונעשה רצונו, ומה שייך לומר שהקב"ה בעצמו מקיים המצוות, אמנם לפי האמור י"ל כי בשעה שהקב"ה רואה את בני ישראל מתלהבים ברשפי אש והתלהבות עצומה בקיום המצוות, כביכול הרי הוא כולל עצמו עמהם בקיום המצוה. וכמו כן יתכן לומר לענין תקיעת שופר כי בשעה שבני ישראל עוסקים במצות

תקיעת שופר בהתלהבות וביראה עילאה, הקב״ה כביכול כולל עצמו עמהם ושומר משמרתה של תורה וגם הוא תוקע בשופר, וכאשר שומע השטן קל שיפורא תניין דהיינו מה שהקב״ה בעצמו תוקע בשופר, אז מתבהל ומתערבב, וחושש דזהו שיפורא דיתקע בשופר גדול, אשר אז עתיד הקב״ה בעצמו לתקוע בשופר, ככתוב (זכריה ט יד) וה׳ אלקים יתקע בשופר.

**(ברך משה)**

**בנוסח תפלת ראש השנה, כי אתה שומע קול שופר ומאזין תרועה ואין דומה לך.** ולכאורה אין לו הבנה כלל, וכי מלך בשר ודם אינו שומע קול שופר. אלא הכוונה דמצינו מדת הקדוש ברוך הוא היפך מדת בשר ודם, כי מלך בשר ודם שהיה לו ב׳ עבדים, א׳ עובד המלך מנעוריו ולא נמצא עולתה בו כי ישר הוא בעבודת המלך, ועבד ב׳ מרד במלך ואחר זה חזר בו ונעשה עבד נאמן, בוודאי כי אהבת המלך לזה העבד הנאמן מנעוריו יותר שלימה מאהבת העבד שמרד בו תחלה. מה שאין כן מדת הקדוש ברוך הוא אינו כך, שאוהב יותר לבעל תשובה מצדיקים גמורים, וכמו שאמרו חז״ל (ברכות ל״ד ע״ב) מקום שבעלי תשובה עומדין אפילו צדיקים גמורים אין יכולין לעמוד.

והנה כתב בשל״ה הקדוש (מסכת ר״ה עמוד הדין) לבאר ענין התקיעות תשר״ת, דהנה השי״ת עשה את האדם ישר, ועל זה מורה תקיעה שהוא קול ישר, רק האדם מקלקל עצמו והוא עקש ופתלתול על ידי חטאיו, ואחר כך שברים שהוא גנוחי גנח, רומז על חולי הנפש, ואחר כך ילולי יליל, רומז על חטאים גדולים שהם מיתת נפש, על זה צריך האדם להיות גנוחי גנח ויליל בבכיה רבה פלגי מים ירדו עיניו, ויחזור כי השם יתברך מקבל השבים, וכאשר שב בתשובה שלימה, אז הוא שב לדרכו הראשון כאשר עשה אותו השי״ת ישר.

עוד נקדים דברי המדרש (ילקו״ש ישעיהו פ״א רמז שפ״ז) לפי שהיה משה קרוב לשמים אמר ׳האזינו׳ השמים, ולפי שהיתה הארץ רחוקה, אמר ׳ותשמע׳ הארץ, בא ישעיהו ואמר ׳שמעו׳ שמים שהיה רחוק מן השמים, ׳והאזיני׳ ארץ, שהיה קרוב אל הארץ. הרי דשמיעה הוא מרחוק, והאזנה הוא מקרוב.

ובזה יובן נוסח התפילה, כי אתה ׳שומע׳ קול ׳שופר׳ היינו שהצדיק שנרמז בשופר שהוא קול פשוט, הקב״ה שומע רק מרחוק, ׳ומאזין תרועה׳, היינו לבעל תשובה שנרמז בתרועה מאזין הקב״ה מקרוב. ועל זה אמר ׳אין דומה לך׳ כי מצד מדת רחמנותו יתברך על הבעלי תשובה הרי הם עומדין לפניו יותר מהצדיקים גמורים, ובזה אינו דומה למלך בשר ודם.

**(תולדות יעקב יוסף בשם חכם אחד)**

# דעם ערשטן ראש השנה פונעם רבי'ן בעל ברך משה ז"ל אין אמעריקא אין שנת תש"ז לפ"ק

<u>איינגעקויפט א שופר</u>

**ווען דער רבי ז"ל האט שוין באקומען א רמז מן השמים אז ער זאל פארלאזן די שטאט סיגוט וואו ער איז דארט געווען רב, און אויך פארלאזן די גאנצע מדינה איז ער אנגעקומען קיין פראג און דארטן זיך געמאכט שריפטן צו קענען אנקומען קיין אמעריקא.**

**זייענדיג דארט אין פראג אין שטוב פונעם סטראפקובער רב וואס איז אויך געווען דעמאלטס אין פראג האט זיך אפגעשפילט אזא מעשה:**

**א איד איז אנגעקומען צום הויף פונעם סטראפקוב'ער רב און ער האט דארט פארקויפט שופרות. דער רבי האט אים געפרעגט וויפיל עס קאסט צו קויפן א שופר, האט דער איד געזאגט אז א געווענליכער שופר קאסט 30 קראנען, אבער ער האט איין שופר וואס ער פארקויפט פאר 300 קראנען, האט אים דער רבי געפרעגט וואס איז דער חילוק צווישן דעם שופר אין אלע אנדערע שופרות, האט דער איד געענטפערט אז דאס איז א שופר פונעם הייליגן צאנזער רב, דער דברי חיים זי"ע.**

**דער רבי איז געווארן שטארק פאראינטערעסירט הערנדיג אז דער איד האט א שופר פונעם הייליגן דברי חיים, האט ער אים געפרעגט ווי אזוי דער שופר איז אנגעקומען צו אים. האט דער איד דערציילט אז זיין טאטע איז געווען דעם לעצטן ראש השנה אין ראצפערט ביי הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זצ"ל דער זיידע פונעם רבי'ן ז"ל און ער האט געבלאזן דערמיט, און דערנאך האט ער דאס אוועקגעגעבן פאר זיין טאטן אלס א מתנה, בתור הכרת הטוב פאר א געוויסע טובה וואס ער האט אים געטון.**

**האט אים דער רבי געזאגט אז עס קען נישט זיין ריכטיג, ווייל ער האט זיך דאך אסאך געדרייט ביים זיידן, און ער האט געוואוסט אז רבי שלום אליעזר'ל ז"ל האט נישט געהאט אזא שופר, און ווען דער זיידע וואלט ווען יא געהאט א שופר פונעם דברי חיים, וואלט ער דאס ווען קיינמאל נישט אוועקגעגעבן.**

**דער רבי האט וועגן דעם נישט געוואלט קויפן דעם שופר, אזוי שמועסנדיג איז דער סטראפקובער רב ארויסגעקומען פון צימער, און ער האט געפרעגט וואס עס גייט פאר, האט דער רבי דערציילט וואס דער איד זאגט, און וואס ער האט אים געענטפערט.**

**האט זיך דער סטראפקובער רב אנגערופן "אז מ'זאגט נאר אז דאס איז דעם צאנזער זיידנ'ס שופר, האט דאס שוין א חשיבות", און דער סטראפקובער רבי האט טאקע אפגעקויפט דעם שופר פאר 300 קראנען.**

**דער רבי האט דאן געקויפט ביי דעם איד א ביליגערן שופר פאר דרייסיג קראנען, ווי דער רבי האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט האט ער דעמאלט נישט געהאט קיין ספעציעלע סיבה פארוואס ער האט געקויפט די שופר "עס איז אזוי געפירט געווארן מן השמים.**

דער שווערער וועג קיין אמעריקע

**ענדליך איז אנגעקומען דעם טאג וואס דער רבי האט באקומען די שריפטן קיין אמעריקא, און ער האט געקענט ארויספארן קיין אמעריקא.**

**צו באקומען א טיקעט צו פארן מיט א פליגער קיין אמעריקע האט מען אין יענע צייט געדארפטווארטן לאנגע וואכן און חדשים, א זאך וואס דער רבי האט בשום אופן נישט געוואלט, נאכדעם וואס ער האט געשפירט אז ער מוז וואס א טאג פריער אוועקפארן פון דארטן, דעריבער האט ער זיך פאראינטערעסירט וואס פארא וועג נאך עס איז דא צו קענען ארויס פארן פון דארט.**

**ווען ער האט געהערט אז עס איז דא וועג צו פארן קיין בראזיל, האט ער דאס אנגענומען, און אויסגעפלאנט צו קענען פארזעצן די וועג פון בראזיל קיין ניו יארק.**

א' סליחות אין בראזיל

**דער רבי איז אנגעקומען קיין בראזיל דאנערשטאג פאר סליחות, תש"ו לפ"ק. און ער האט געוואלט תיכף פארן פון דארט קיין אמעריקע.**

**עס איז אבער נאך באשערט געווען עגמת נפש אונטערוועגנס.**

**אין יענע טעג איז געגערינדעט געווארן די יו. ען. [א פארזאמלונג פון אלע מדינות] און פון אלע מדינות אויף די וועלט זענען געפארן דעלעגאטן (שלוחים) און צייטונגס שרייבער קיין ניו יארק אנטייל צו נעמען אין די היסטארישע גרינדונג, אזוי אז דער רבי האט בשום אופן נישט געקענט פארשאפן קיין פלאץ צו פארן פון בראזיל קיין אמעריקע מיט א פליגער, און ער האט געמוזט נעמען די שיף.**

**דער רבי האט נישט געוואוסט, אז מען דארף באשטעלן די פלעצער פון פריער, ער האט געקויפט קארטן צו פארן שיף, אבער האט האט נישט ארויסגענומען קיין זיצן, און אנקומענדיג צום שיף האבן זיי אים געזאגט אז עס איז נישטא קיין פלאץ, אז ער וויל, קען מען אים מאכן פלאץ אינעם קומענדיגן שיף וואס וועט פארן אין דריי חדשים ארום.**

דער מצב איז נישט אזוי גוט געווען, מען שטייט דא נאנט צו די הייליגע טעג, עס איז שבת פאר סליחות, א זמן וואס אידישע קינדער גרייטן זיך באימה וביראה צום הייליגן טאג, און דא שטייט מען על אדמת נכר אן קיין דאך איבערן קאפ.

נישט האבנדיג קיין ברירה, איז דער רבי געגאנגען זוכן א אידישע שטוב וואס ער זאל קענען איינשטיין ביז מ'זעהט זיך ארום וואס מען טוט דא ווייטער.

פלוצלינג איז אנגעקומען א יונגער מענטש צום רבי'ן, וועלכער האט געהאט אנגעטון א שתי וערב אויף זיך, און ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער קען אים פארשאפן וואו איינצושטיין ביי א אידישע שטוב.

און ער האט גערופן זיין פאטער, א איד, וועלכער האט חתונה געהאט צו א גוי'טע רח"ל, און יענער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז ער קען ביים אים איינשטיין. דער רבי האט אבער נישט געוואלט איינשטיין ביי אזא איינעם, און אים געפרעגט אויב עס זענען דא נאך אידן.

יענער האט אנגעוויזן אויף א א געוויסן פוליש'ער איד וועלכער איז געווען דער גבאי אין די שול, און דער רבי איז טאקע ביים אים איינגעשטאנען, און יענער האט געטון פארשידענע פעולות צו קענען מסדר זיין פארן רבי'ן אז וועג אנצוקומען קיין אמעריקע, מיט עטליכע סטאנציעס אינצווישן.

דער רבי איז געבליבן איבער שבת אין בראזיל, און ער האט דארט געזאגט סליחות זונטיג צופריה א' סליחות תש"ו לפ"ק.

<u>זיך באזארגט מיט א מחזור</u>

איידער דער רבי איז אוועגעפארן פון בראזיל, האט דער געבעטן פון דעם פוילישן איד אויב ער קען אים בארגן זיין מחזור לראש השנה, ווייל ער האט דאך נישט געקענט אויסרעכענען וואו ער וועט זיין ראש השנה.

דער רבי האט גענומען פון דעם איד זיין אדרעס, כדי ער זאל קענען צוריק שיקן דעם מחזור ביי די ערשטע געלעגנהייט, ווי עס האט זיך אויסגעשטעלט איז טאקע דעם רבי'ן זייער שטארק צוניץ געקומען דער מחזור.

שפעטער שוין זייענדיג אין אמעריקע, האט דער רבי זצ"ל צוריק געשיקט דעם מחזור פארן איינגעטימער.

במשך די טעג האט מען פרובירט וואס מ'קען טאן צו קענען אריבערפארן קיין אמעריקע, צו פארן קיין ניו יארק האט נישט געקענט זיין קיין רעדע, האט ער פרובירט אויף

אלע אנדערע וועגן ביז ווען עס האט זיך אויסגעארבעט א וועג צו קענען פארן קיין מיאמי, זיך אפשטעלענדיג אויף עטליכע סטאנציעס אונטערוועגענס.

יענעם יאר איז ראש השנה אויסגעפאלן דאנערשטאג און פרייטאג, אזוי ווי די יאר, און דער רבי איז אנגעקומען דינסטאג נאכט "זכור ברית" צו די שטאט טרעינעדאט (נעבן מיאמי, דאס איז נאך אויסער אמעריקע).

<u>וואס טוט מען איצט ווייטער?</u>

מען געפונט זיך שוין נאנט צו אמעריקע, עטליכע שטונדע ווייט פון מיאמי, מ'דארף נאר קענען צופארן אין שטאט אריין. אבער וואו גייט מען דא, און צו וועמען ווענדעט מען זיך דא? עס איז קארגע פיר און צוואנציג שעה צו ראש השנה, און מ'האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן.

<u>דער ערשטער קאנטאקט</u>

זיצנדיג דארט נעבן די סטאנציע האט דער רבי באמערקט א טעלעפאן בוך, און ער האט אנגעהויבן דארט זוכן א אידישן נאמען, ביז ער האט געטראפן א נאמען "הורוויץ", א נאמען וואס עס זעהט אויס היימיש און אידישלעך.

דער רבי האט אנגערופן דעם נומער, און ווען עמיצער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן אויף די אנדערע זייט, האט ער געבעטן דעם איד אז ער זאל קלונגען קיין ניו יארק און איבערגעבן פאר ר' יעקב יצחק צימענט ע"ה - א תלמיד פונעם עצי חיים ז"ל, וועלכער איז שוין דאן געווען אין אמעריקע, און ער האט אסאך עוסק געווען די גאנצע צייט מיט פארשידענע שתדלנות אז דער רבי זאל קענען קומען קיין אמעריקע - אז דער זון פון זיין רבי איז דא און ער דארף הילף.

ווי פארשטענדליך ווען ר' יעקב יצחק האט ערהאלטן דעם טעלעפאן ערב ראש השנה, און ער האט געהערט וואו דער רבי געפונט זיך מאמענטאל, איז ער געווארן שטארק איבערראשט, די בשורה האט געמאכט אויף אים א שטארקן רושם, און ער האט זיך תיכף אריינגעווארפן אין די ארבעט צו קענען אראנדזשירן, אז דער רבי זאל האבן א דאך איבערן קאפ און א בית המדרש וואו צו דאווענען אינעם הייליגן טאג.

דער איד מר. הורוויץ ווען ער האט געהערט איבער וועמען עס איז דא די רעדע, איז ער געקומען צו פארן צו די סטאנציע, און ער האט דארט ערלעדיגט אז דער רבי זאל קענען פארן ווייטער קיין מיאמי.

ר יעקב יצחק האט זיך פארבינדן מיט א געוויסן "ראביי" וואס האט געוואוינט אין

פלארידע, מיט וועמען ער האט געהאט געוויסע באקאנטשאפט, און ער האט אים דערציילט איבער די צוויי משפחות וואס זענען נארוואס אנגעקומען, דאס זענען געווען דער רבי ז"ל מיט די רעביצין ע"ה צוזאמען מיט די רעביצינ'ס ברודער הגה"צ באטורער רב ז"ל מיט זיין רעביצין ע"ה, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל זיך משתדל זיין אז דער רבי זאל קענען אנקומען צו אים אין שטוב אויף יו"ט.

ס'איז שוין געווען ערב ראש השנה שפעט נאכמיטאג ווען דער רבי איז אנגעקומען צו אמעריקאנער גרעניץ ביי מיאמי, און ער האט געוואלט אריינקומען אין לאנד.

אבער זיי האבן געמאכט פראבלעמען און נישט געוואלט לאזן מתחילה אריינקומען די גרופע, נאך א לאנגערע צייט בקשות און שתדלנות האט מען זיי אריינגעלאזט.

<u>דער מארש בעצם ראש השנה</u>

אבער ווען זיי האט באטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן איז שוין געווען דער זמן הדלקת הנרות, דער הייליגער יום טוב ראש השנה האט שוין אויפגעשפרייט אירע פליגל.

"הנה יום הדין בא לפקוד על כל צבא מרום בדין", דער יום הדין איז דא, דאס אידיש הארץ איז פול מיט אימה ופחד אינעם הייליגען טאג, אידן לויפן אין די בתי מדרשים זיך אויסבעטן אלעס גוטס, מ'גייט מיט די מחזורים אונטער די ארעם, און מ'וואונטשט זיך "לשנה טובה", און דער רבי שטייט ביים גרעניץ, ווייט פון א אידישן ישוב, פארשטויבט פון דעם שווערן טלטול הדרך. דאס הארץ איז שווער און דער געפיל איז פארביטערט.

דער רבי, מיטן שוואגער, דער באטור רב זצ"ל, האבן שוין נישט געקענט אריינפארן אין שטאט זייענדיג נאנט צו די שקיעה, נאר פאר די פרויען, וועלכע זענען נישט געווען אין בעסטן געזונט צושטאנד האבן זיי מתיר געווען צו נעמען א טעקסי, און אריינפארן צום אנגעגעבענעם אדרעס.

דעם רבי מיטן באטורער רב האט זיך ארויסגעלאזט צופיס אויף א לאנגען שפאציר.

עס איז דער הייליגער טאג, דער רבי מיטן שוואגער גייען אינאיינעם אויף די וועגן אין פלארידע. נישטא קיין תפילות מיט מנין, נישטא קיין סעודות יום טוב, נאר מ'שלעפט זיך שעות נאך שעות אויף די לאנגע אויסגעמאטערטע וועגן, כדי אנצוקומען צו א אידישן ישוב כדי צו קענען זיין אויף יו"ט צווישן אידן, און אז מ'זאל קענען מקיים זיין די מצות היום.

<u>ראביים און רביצינ'ס..</u>

ווען דער רבי איז אנגעקומען אינדערפרי אויף די אכסניא ביי יענעם אמעריקאנער

ראביי, און ער איז אריינגעגאנגען אינעם צימער וואס מ'האט אים צוגעגרייט, איז אריינגעקומען א פרוי און אנגעצינדן די לעקטער לכבודו. דער רבי האט זיך אנטשולדיגט און געזאגט אז עפ"י הלכה טאר א גוי נישט אנצינדן קיין לעקטער לטובת א איד.

ווען די פרוי האט דאס געהאט האט זי אים קלאר געמאכט אז עס איז נישט קיין פראבלעם, ווייל זי איז נישט קיין גויטע זי איז די רביצין בכבודה ובעצמה...

דאס איז געווען פארן רבי'ן די ערשטע געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט אמעריקע, און זעהן דעם פנים ווי אזוי אמעריקע זעהט אויס, ווי אזוי עס זעהן אויס די אמעריקאנער ראביים, און ווי אזוי עס וועט געפירט די אידישע שטובער. רחמנא ליצלן.

<u>נישט אריינגעלאזט אין האטעל</u>

דער רבי זעהנדיג דעם מצב האט ער זיך שוין נישט געוואלט דארט אויפהאלטן, איז ער אריבערגעגאנגען אין א שכינות'דיגע אידישע האטעל, וואס עס איז אויך געווען דארט א ביהמ"ד, און געבעטן א צימער וואו ער זאל קענען זיין ביז איבער יו"ט. דער רבי האט שוין געהאפט אז ענדליך וועט ער זיך געפונען אין א געהעריגע אידישע סביבה איבער יו"ט.

אבער די בעלי בתים פונעם האטעל האבן זיי נישט געוואלט אריינלאזן, יענע האבן זיך פשוט דערשראקן צו זעהן פרומע חסיד'ישע אידן, מיט בארד און פיאות, זיי האבן מורא געהאט אז זיי וועלן דא אויספרומען זייער סביבה.

<u>אן קיין מנין</u>

ווען דער רבי איז געגאנגען אינדערפרי דאווענען אין בית המדרש, האט ער זיך גערישט צו קענען דאווענען אינעם הייליגן טאג מיט א ציבור אידן, וואס צוליב דעם האט זיך אזוי מוסר נפש געווען צו מאכן דעם שווערן וועג ביז אהער. ווי אנטוישט איז ער געווארן אריינקומענדיג אין שול און זעהנדיג אז די שוהל האט נישט קיין געהעריגע מחיצה צווישן מענער און פרויען.

דער רבי איז ארויסגעגאנגען פון שוהל זאגענדיג אז אין אזא שוהל טאר מען נישט דאווענען, און בעסער איז זאל מען דאווענען דעם הייליגען טאג ביחידות, ווי איידער דאווענען אויף אזא פלאץ.

<u>עיניו שפיר חזי</u>

דער רבי האט טאקע געדאווענט ביחידות אן קיים מנין. צוזאמען מיט אים האט געדאווענט זיין שוואגער דער באטורער רב זצ"ל. עס איז איבריג צו זאגן אז דאס דאווענען

**איז געווען מיט א לב נשבר, צובראכן און צוטרייסלעט און צוקלאפט און קיין הייסע טרערן זענען נישט געשפארט געווארן אין דעם מצב.**

**ווען מען האט געהאלטן ביי תקיעת שופר, האט דער רבי ארויסגענומען דעם שופר וואס ער האט געהאט איינגעקויפט אין פראג, אזוי ווי פריער דערציילט, און א דאנק דעם האט ער געקענט מקיים זיין מצות תקיעת שופר. דער רבי פלעגט אלס ארויסברענגען די השגחה פרטית וואס האט צוגעפירט אז ער האט זיך געקויפט א שופר און געבראגט א מחזור באצייטענס, אזוי איז אים דאס צוניץ געקומען אז ער האט געקענט אנגיין מיט די עבודת היום אין דעם הייליגן טאג אין די אומשטענדן.**

<u>די תקיעת שופר דרשה</u>

**פאר תקיעת שופר האט זיך דער רבי געווענדן צו זיין שוואגער דער באטורער רב זצ"ל און ער האט אים געזאגט אז ער וויל זאלן א תקיעת שופר דרשה, האט ער זיך געוואונדערט "א דרשה פאר וועמען?". האט דער רבי געזאגט "אלע יארן האבן איך דאך געזאגט א דרשה, און אזוי האבן זיך געפירט אבות אבותינו, יעצט וויל איך אויך זאגן א דרשה פאר תקיעת שופר". דאן האט דער רבי געזאגט די דרשה.**

**"די גמרא זאגט אין מס' ראש השנה** (דף ט"ז ע"א) **דעם טעם פארוואס מען בלאזט צוויי מאל שופר אום ראש השנה, עקסטער די תקיעות דמעומד** (ביי שמו"ע) **און עקסטער די תקיעות דמיושב** (פאר שמו"ע)**, כדי צו פארשמישן דעם שטן, און ער זאל נישט קענען מקטרג זיין אויף די אידן".**

**ברענגט תוספות בשם הערוך, דאס וואס דער ירושלמי זאגט, אז דער יצר הרע האט אזוי מורא פונעם קול שופר פון משיח, ווייל ער ווייסט אז ווען משיח וועט קומען וועט זיין בלע המות לנצח, און דאן וועט מען פון אים פטור ווערן, און דאס איז וואס עס ווארפט אן אויף אים אזא גרויסער פחד.**

**פרעגן די מפרשים אויב דער יצה"ר דערשרעקט זיך אזוי שטארק פונעם קול שופר, פארוואס דערשרעקט ער זיך הערשט ווען מ'בלאזט דאס צווייטע מאל, דער גאנצער שרעק איז דאך ווייל ער מיינט אז ס'איז**

דער שופר של משיח, אויב אזוי דארף ער דאך מורא האבן אפילו פון די ערשטע קול שופר.

נאר די תירוץ קען זיין, אין שו"ע הל' תקיעת שופר (סי' תקצ"ב) ווערט געפסק'עט אז א יחיד וואס דאווענט נישט בציבור, זאל זיך נישט אפשטעלן אינמיטן שמונה עשרה צו הערן דעם קול שופר, אפילו אויב ער האט ווער עס איז אים מוציא מיט די תקיעות, קומט אויס אז תקיעות דמעומד קען מען נאר הערן ווערן מ'דאווענט בציבור, משא"כ תקיעות דמיושב קען מען הערן אפילו ווען מ'דאווענט ביחידות".

דער רבש"ע איז 'קל כביר לא ימאס' וואס איז טייטש, אז דער אייבערשטער האט ליב צו הערן א תפילת רבים און דער כח פון תפילת רבים איז זייער שטארק, און דאס איז זייער שטארק עושה רושם אויבן אין הימל".

וועגן דעם "זימנא חדא בהיל ולא בהיל" ווען מען בלאזט דאס ערשטע מאל שופר, דאס איז די תקיעות דמיושב ווייסט דאך נישט דער יצר הרע צי דאס איז תקיעות פון א רבים אדער פון א יחיד, ווען דעם איז ער בהיל ולא בהיל, ווייל ער קען נאך נישט אפשאצן די כוחות פון די תקיעות, אבער ווען ער הערט בלאזן די צווייטע מאל, וואס דאס איז שוין די תקיעות דמעומד, דעמאלטס איז ער שוין זיכער אז דאס איז תקיעות פון א רבים, ווייל א יחיד בלאזט דאך נישט נאכאמאל קיין שופר, פארדעם ווערט ער אזוי דערשראקן און ער איז זיכער אז דאס איז דער קול שופר של משיח, ווייל די תפילת הרבים האט זיכער גע'פועל'ט א ישועה שלימה, און דער שטן קען מער נישט מקטרג זיין.

נאכדעם האט זיך דער רבי מחזק געווען אז כאטש ער האט ליידער נישט די שטארקע סגולה פון כח הרבים, קען מען פארט האבן די כוחות פון א רבים, אפילו ווען מען איז א יחיד. דער רבי האט דען אויסגעפירט די דרשה מיט די ווערטער:

**"זעהן מיר דאך פון דעם וואס פארא כח עס האט תפילת הרבים, אבער ליידער האבן מיר נישט די זכי' היינט צו זיין א רבים, נאר וואס דען? דארפן מיר זער מתאמץ זיין בתפילה מיט מער כוונה".**

**"אויסער דעם האבן מיר אן עצה בשעת ווען מיר דאווענען ביחידות אז מיר זאלן זיך מקשר זיין מיט א כח הרבים פון ערגעץ אנדערש, און מיר קענען אויסוועלן דעם שטארקסטן כח הרבים וואס איז דא, דעריבער דער פעטער זאל זיין געזונט** (מרן רבינו ז"ל בעל דברי יואל) **זאגט דאך יעצט אוודאי ערגעץ א דרשה פאר תקיעת שופר, און ער איז מעורר אידישע קינדער לתשובה, כאטש מיר זענען נישט דארט, זענען מיר זיך כולל מיט איהם און מיט אלע אנדערע אידן אז מיר זאלן פון דא פאררעכענט ווערן ווי א כח הרבים, און דאס איז אונזער כח כהיום הזה.**

ס'איז אינטערסאנט צו באצייכענען אז אין מציאות האט דער רבי ז"ל בעל דברי יואל יענעם ראש השנה אויך נישט געהאט מיט זיין קיין ציבור, דער רבי איז דאן געווען אויפן שיף אויפן וועג קיין ניו יארק, בלויז דעם צווייטן טאג יו"ט איז געווען א קבוצה אידן פון באבוב'ער ביהמ"ד וואס האבן ארויסשפארצירט צום רבי'ן ז"ל בעל דברי יואל צום שיף.

אזוי איז אריבערגעגאנגען אויפן רבי'ן ז"ל בעל ברך משה די צוויי טעג ראש השנה, מיטן שבת קודש דערנאך, ווען דער רבי נעמט נישט אריין אין מויל גארנישט אויסער פירות, וויבאלד ער האט זיך ווי פארשטענדליך נישט סומך געווען אויף די מאכלים וואס ס'איז דארט געווען צו טרעפן.

באלד מוצאי שבת האט דער רבי גענומען א פליגער קיין ניו יארק, און אויף מארגנס צום גדלי' (נדחה) איז ער אנגעקומען קיין ניו יארק, אין דער זעלבן טאג וואס זיין פעטער אונזער רבי ז"ל בעל דברי יואל איז אויך אנגעקומען.

גענומען געווארן פון דעם אינטערסאנטן ספר

ומשה היה רועה (ח"ג) וואו דארט איז באשריבן

דאס לעבן געשיכטע פונעם רבי'ן בעל ברך משה ז"ל